בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום א' פ' אחרי | ו' ניסן | תשע"א | פסחים: מ"ג:

# באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק האט מרן רבינו שליט"א געפראוועט דעם שלחן הטהור מיט די בחורי חמד תלמידי הישיבות לצעירים ד'קרית יואל ווי שוין געמאלדן ערש"ק. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' וואלף לאנדא שליט"א מנהל ישיבה לצעירים חלק א', און מיט מנוחה ושמחה מוה"ר משה אברהם צאהלער הי"ו פון בני ברק.

נאך די פיש האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש - דברי מוסר והכנה לימי בין הזמנים, ארויסברענגנדיג ווי וויכטיג ס'איז אויסצונוצן יעדע מינוט און נישט צו גיין ליידיג, זאגנדיג דערביי אז מען זעט א טייג, אויב לאזט מען עס איין מינוט ליידיג, מען האט נישט גארנישט געטון שלעכט, ס'איז נאר געשטאנען ליידיג איז עס שוין חמץ, חמץ דאס איז ליידיג גיין, און דאס דארף מען מבער זיין. שפעטער ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די מדרש מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע, און מאריך געווען בדברי מוסר ווי ווייט מען דארף זיין געווארנט אין מדת האמת.

מיט קה אכסוף איז מכובד געווארן מוה"ר שלום יצחק דאסקאל הי"ו פון בני ברק, און מיט קה רבון עלם איז מכובד געווארן הר"ר שמואל גאלדמאן שליט"א פון ארה"ק. מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מנהל ישיבה לצעירים חלק ב' ומו"ץ בקהלתינו הק', און מיט אז ביום השביעי איז מכובד געווארן מוה"ר מאיר גריסגאטט הי"ו פון וויען.

שב"ק בייטאג נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' וואלף דוד ווערצבערגער הי"ו.

ביי די תורה ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א אויך געשטעלט אויף די מדרש מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע, און מאריך געווען בגנות המחלוקת ומעלת האחדות.

❧•☙

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט,א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר ברוך מרדכי גאלדבערגער הי"ו חבר הנהלת מוסדותינו הק' אין בארא פארק. נאכ'ן דאווענען איז

פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אברהם הערש זאלדאן הי"ו פון קרית יואל.

פארגאנגענעם פרייטאג האט מען געשחט'ן לעמעלעך פאר די שחיטה דקהלתינו הק' במעמד ובהשגחת דייני קהלתינו שליט"א.

דעם שב"ק נאכמיטאג האט הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א פאהרגעלערנט דעם יערליכן שיעור בהל' פסח אין ביהמ"ד הגדול ווי עס האבן זיך באטייליגט הונדערטער תשובי קרית יואל לשמוע בדבר ה' זו הלכה.

## מסיבת קמחא דפסחא בבית הגה"צ אבד"ק ד'קהלתינו וומסב"ג שליט"א

אנשי שלומינו תושבי וויליאמסבורג וועלן זיך אי"ה היינט אוועקנט באטייליגן אין די מאסן אין שטוב פון הגה"צ וויליאמסבורגער'ר רב שליט"א אויף 92 ווילסאן סט. ביים יערליכען גאהר וויכטיגע קמחא דפסחא מסיבה פון וועלכען דער רב שליט"א טיילט אויס בעפאר פסח פאר נצרכי קהילתינו הק' אין וויליאמסבורג.

***-איש בל יעדר!-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.